ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקי"ד
פרשת ויצא
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תרמא) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
**הרה"ח ר' יצחק לעווי ע"ה**

## די עיקר מטרה פון גיין אויף מקומות הק'

ווען **כ"ק מרן רבינו הק' מסאטמאר זלה"ה** איז געווען אין ארה"ק בשנת תשכ"ה לפ"ק האב איך געהאט די זכי' צו מיטפארן אויפן וועג, און מיטהאלטן דעם געהויבענעם באזוך. אויך צו הערן די הייליגע שמועסן אויפן שיף אונטערוועגנס.

בשעת ווען דער רבי איז געגאנגען זיך משתטח זיין אויף די מקומות הק' בהרי הגליל אין מירון און אין צפת, איז מיטגעגאנגען א גרויסער ציבור, מ'האט זיך אסאך מטריח געווען און ארומגעקראכן אויף די בערג אנצוקומען צו די הייליגע ציונים פון די קדושי עליון וואס ליגן דארט באהאלטן. (בימים ההם איז נישט געווען קיין שום אויסגעטרעטענע וועגן, צו פארגרינגערן דאס גיין אויפן ביה"ח, מ'האט זיך זייער געמאטערט צו קענען אנקומען אין די גרויסע היצן צום אריז"ל, בית יוסף, אלשי"ך הק' וכדומה).

ווען מ'איז צוריק געקומען אויף די אכסניא האט דער רבי געזאגט **"דער תכלית פון גיין צו די אלע פלעצער איז דער עיקר, אז ווען מען קומט אהיים זאל מען לערנען זייערע ספרים און גיין אין זייערע וועגן".**

ז' תרמב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## זוכרי זמירות יזמרו בקול (ז') - די ניגונים ביי א חתונה בבית המלכות

ווען **כ"ק מרן רבינו הבר"מ זלה"ה** האט אנגעהויבן חתונה מאכן אייניקלעך, איז די ערשטע חתונה געווען ביי די טאפעלטע אייניקלעך פון רבי'ן, ווען **כ"ק מרן רבינו שליט"א** האט חתונה געמאכט בנו בכורו **הגה"צ וויליאמסבורגער רב שליט"א**, וועלכער איז געווארן אן איידעם ביים חדב"ן **כ"ק הגה"צ בארא פארקער רב שליט"א**.

עס איז געווען די ערשטע חתונה אין סאטמאר נאכן ביטערן חורבן, ממילא איז נישט געווען קיין שום מנהגים און סדרים בנוגע א חתונה, איז געווען פארשידענע פרטים וואס מ'האט געדארפט אויסארבעטן צום ערשטן מאל.

בעפאר די חתונה האב איך גערעדט מיט רבינו שליט"א, אז היות רבינו הבר"מ ז"ל טאנצט 'מצוה טאנץ' אויפן ניגון המיוחד 'די זעקסטע הקפה ניגון', דארף אויך זיין א ניגון מיוחד פאר'ן רב, דער מחותן אבי החתן, וואס שפעטער ביי די קומענדיגע חתונות זאל דאס זיין דער ניגון וואס רבינו שליט"א וועט טאנצן.

נאכן אויסשמועסן עטליכע ניגונים, האט דער רב - רבינו שליט"א - בוחר געווען דעם ניגון וואס מיר זינגען אין די ימים הנוראים אויף **'ובכן צדיקים'**. ס'איז געווען א גרויסער חידוש, ווייל דעם ניגון האט מען קיינמאל נישט געהאט געזינגען דורכן יאר, אויסער ביי מוסף ימים נוראים.

שפעטער ווען רבינו שליט"א איז געווארן ממלא מקום אביו הק', האט מען איינגעטיילט אז אזוי לאנג דער רבי טאנצט מיט די כלה זינגט מען די **'זעקסטע הקפה ניגון'**, און דערנאך ווען דער רבי טאנצט מיטן חתן טוישט מען צו זינגען דעם ניגון **'ובכן צדיקים'**.

אויך האבן מיר גערעדט מיטן רבינו שליט"א, אז ס'וואלט געפאסט אז ס'זאל זיין א ניגון מיוחד אויף וועלכע די חתן וכלה זאלן טאנצן 'אשת חיל' ביי מצוה טאנץ, האט דער רבי בוחר געווען דעם ניגון וואס מיר זינגען אויף די שירה שביעי של פסח, און אויף 'חסל סידור פסח'.

ב. בשנת תשנ"ז האט די הנהלת ישיבה געמאכט צום ערשטן מאל א 'שבת התוועדות' אין וויליאמסבורג, אין די זאלן פון קאנטינענטאל, פאר אלע אברכים יוצאי ישיבתינו הקדושה, בהשתתפות פון אלע ראשי ישיבות ובראשם דער ראש הישיבה מרן רבינו שליט"א.

ס'איז געווען א געוואלדיגער שבת, דער זאל איז געווען איבערגעפולט, עס איז געווען א ווארימע דאווענען, און מ'איז זיך צוזאמען געקומען נאכן סעודה, מען האט מכבד די ראשי ישיבות מיט די זמירות שבת, און אינצווישן האט מען געהערט הערליכע דרשות.

צווישן די רבנים האט זיך אויך אנגעזעהן הגה"צ המפורסם רבי **שמעי' גרינבוים** זצ"ל מח"ס סייעתא דשמיא, וועלכער האט אויך מיטגעהאלטן דעם גאנצן שבת. ביים אהיימגיין איז ער צוקומען צו מיר און געבעטן אז איך זאל זאגן פארן רב, אז אויב מ'וויל צוזאמען האלטן דעם עולם, איז נישט גענוג אז מ'זינגט די עטליכע זמירות שבת, נאר מ'דארף מוסיף זיין צו זינגען ווי מער, נישט קיין חילוק וועלכע ניגונים, עס מעג זיין ניגונים מחצרות חב"ד, באבוב, וויזניץ אדער בעלזא, וועלכע ניגון ס'איז א ווארימע חסיד'ישע ניגון זאל מען זינגען.

מיט עטליכע יארן שפעטער בשנת תשס"ו - דעם ערשטן שבועות וואס רבינו שליט"א האט געפראוועט אין קרית יואל - איז געווען א גרויסער 'שאטער' אין חצר הבית המדרש.

איידער דער רבי איז געגאנגען צום טיש האט ער מיר געזאגט **"אויב דו האסט א ווארימע חסיד'ישע ניגון, קענסטו עס זינגען, נישט קיין חילוק פון וועלכן קרייז"...**

ז' תרמג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שמואל שמעלקא מארקוס הי"ו**

## דער ווייטער בליק פונעם ביקסאדער רבי'ן

איך טראג דעם נאמען נאך מיין טאטנ'ס טאטע, אבי מורי הרה"ח ר' יעקב בן הרה"ח ר' שמואל שמעלקא מארקוס ז"ל, פון די שטאט סאטמאר.

סאטמאר איז א גרויסע שטאט, מיין זיידע ר' שמעלקא ע"ה האט נישט געוואוינט אזוי נאנט צום רבי'ן און צום רבי'נס ביהמ"ד. ער איז געווען א נאנטער שכן מיט **כ"ק הרה"ק רבי אליעזר פיש זצוק"ל דער ביקסאדער רבי**, און ער האט זיך געדרייט במחיצת קדשו, און ער איז דארט געווען זייער נאנט.

מיין טאטע ע"ה האט דערציילט א מעשה נורא.

עס איז געווען אין די אנהויב יארן פון די ביטערע מלחמה, מ'האט געהאט אוועק גענומען די יונגע מענער קיין 'מונקא טאבור', דער ביקסאדער רבי איז נאך געווען אינדערהיים. מיין טאטע'ס ברודער ר' אהרן מארקוס ע"ה איז נאך געווען א בחור, און מ'האט אים געהאט אוועק גענומען פון שטוב, ער האט זיך געהאט באהאלטן מיט די פארטיזאנער.

אין יענע צייט האט מען געשפירט אז די וואס מ'האט אוועק גענומען צו די ארבעט זיי זענען די גרעסטע רחמנות און זיי ליידן די מערסטע. איז די באבע אריין צום ביקסאדער רבי'ן מיט א קוויטל, אינאיינעם מיט אהרן, וועלכער איז דעמאלטס אהיים געקומען אויף שבת, און אים מזכיר געווען אז ער זאל ניצול ווערן.

האט דער ביקסאדער רבי געענטפערט פחדים'דיגע ווערטער "אויף מיר און אויף דיר איז א רחמנות, אויף אים איז נישט קיין רחמנות, מ'וועט אים אוועק טראגן ווייט, ווייט, ווייט, אבער ער וועט אהיים קומען...".

אין מציאות איז טאקע אזוי געווען, דער **ביקסאדער רבי** ז"ל, און מיין זיידע ע"ה, זענען אלע געגאנגען אויף קידוש ה', און זיי זענען נישט אהיים געקומען, ווידעראום מיין פעטער אהרן האט טאקע אסאך מיטגעמאכט, ער איז פארוואגלט געווארן קיין רוסלאנד ביז סיביר, און ער האט זייער אסאך מיטגעמאכט, אבער סוכ"ס איז ער ניצול געווארן און ער איז אהיים געקומען און זוכה געווען אויפצושטעלן א משפחה.

הערשט דעמאלטס האט מען געזעהן און פארשטאנען דעם ווייטן בליק פון דעם צדיק דער ביקסאדער רבי ז"ל.

ז' תרמד) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' ישעי' שלום ווייס שליט"א**

## אם רעב שונאך האכילהו...

די מידת הצדקה והחסד פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** איז מהמפורסמות שאינם צריכים לראי'.

איך האב געהערט דערציילן, אז אמאל איז געקומען צום רבי'ן א פרעמדער איד, און ער האט אראפגעלייגט זיין שווערן מצב, און דער רבי האט אים געגעבן א גרויסן סכום געלט.

ארויסגייענדיג פונעם רבי'נס צימער, האט איינער פון די מקורבים זיך אנגערופן אז דער איד איז פונעם רבי'נס גרויסע שונאים, און ער טוט פעולות כסדר צו בארעדן און באשמוצן דעם רבי'נס שיטה הק' און סאטמאר בכלל. יענער איז געווען זיכער אז ווען דער

• נתנדב ע"י הרה"ח ר' **שמואל שמעלקא מארקוס** הי"ו • לרגל שמחת **נישואי נכדתו למז"ט** בשטומ"צ •

רבי וועט הערן ווער דער יעניגער איז, וועט ער חרטה האבן פארן אים ארויסהעלפן מיט אזא גרויסע סומע.

דערווייל האט זיך דער רבי אנגערופן "אויב ער איז אזוי קעגן סאטמאר, און ער האט מיך אזוי פיינט, מיינט דאס אז ער איז גאר א גרויסער נצרך, ווייל אנדערש וואלט ער זיך נישט געבראכן צו קומען צו זיין גרויסן שונא בעטן געלט, איז דאך גוט אז כ'האב אים געגעבן א גרויסן סכום"...

ז' תרמה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יצחק עהרנפעלד הי"ו**

## להטיב לא ידעו

עס איז ידוע בשם כמה צדיקים וואס האבן זיך אויסגעדרוקט מיט ווייטאג איבער דעם וואס די חסידים קומען כסדר מזכיר זיין זייערע צרות און וויינען פאר ישועות, אבער ווען זיי ווערן געהאלפן גדעדנקען זיי נישט צוריק צו קומען דערציילן די בשורה טובה.

מ'זאגט נאך א טייטש בשם איינער פון די צדיקים (ירמי' ד' כב) "**חכמים המה להרע**" זיי זענען נאר קלוג צו גיין צום צדיק צו זאגן שלעכטע בשורות "**ולהטיב**" אבער ווען עס איז דא בשורה טובה "**לא ידעו**" ווייסן זיי שוין נישט אז מ'דארף צוריק קומען דערציילן אז מ'האט געהאט די ישועה.

בדידי הוי עובדא ביי רבותינו הק' זלה"ה אין דעם ענין:

א. עס איז געווען ד' דחנוכה תשל"ט לפ"ק, עטליכע וואכן נאכדעם וואס איך האב זיך ארויסגעצויגן וואוינען קיין קרית יואל, איז געבוירן געווארן מיין זון למז"ט, און עס איז געווען פארשידענע קאמפליקאציעס. האב איך מזכיר געווען ביי **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**, און דער רבי האט ווארים אנגעוואונטשן.

עס איז געווען ביינאכט ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן, און אלעס איז ב"ה מסודר געווארן אויפן בעסטן אופן, האב איך געקלונגען לביתו נאוה קודש פון רבי'ן ז"ל, און איינער פון די שטוב-מענטשן האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, און ער האט געזאגט אז דער רבי זיצט יעצט אין ביהמ"ד ביי די חנוכה לעכט. האב איך געבעטן אז ער זאל איבערגעבן פארן רבי'ן די בשורה טובה אז איך האב געהאט א טאכטער למז"ט און אלעס איז ב"ה אויפן בעסטן אופן.

מארגן אינדערפרי בין איך געווען ביי שחרית ביים רבי'ן ז"ל. פאר הלל איז דער רבי ארויסגעגאנגען פאר א הפסקה. איך בין דארט געשטאנען ביים טיר בין איך צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט "עס קומט מיר א מזל טוב, כ'האב געהאט א מיידל".

טראץ זיין שוואכקייט בשנתו האחרונה האט דער רבי אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן, און געזאגט "**דו ביסט דער וואס האט גערופן נעכטן דערציילן די בשורה?! יישר כח! אסאך לאזן מיך ווארטן**"...

ב. מיט עטליכע יאר שפעטער ווען עס איז געבוירן מיין טאכטער למז"ט, איז געווען פארשידענע שוועריגקייטן, און איך האב כסדר מזכיר געווען ביי **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה** - וועלכער האט זיך געפונען אין פלארידע - דער רבי איז כסדר געווען אין פארבינדונג אויפן טעלעפאן און מייעץ געווען און מדריך געווען, ער האט אפילו גערעדט באריכות מיט די יולדת און איר מחזק געווען און בארוהיגט.

עס איז געווען דריי אזייגער פארטאגס ווען דאס קינד איז געבוירן בשטומ"צ, און וואוסנדיג אז דער רבי איז נאך געווען אויפן טעלעפאן 2 אזייגער ביינאכט, האב איך אויסגעווארט ביז 6:30 אינדערפרי צו מודיע זיין דעם רבי'ן איבער די בשורה טובה.

דער רבי הייבט אויף דעם טעלעפאן, און פרעגט מיר "ווען איז דאס קינד געבוירן?", האב איך געזאגט 'ארום דריי אזייגער', פרעגט דער רבי "פארוואס האסטו געווארט מיך צו רופן ביז יעצט?! א גאנצע נאכט זיץ איך ביים טעלעפאן און איך ווארט אויף א בשורה טובה".

ז' תרמו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אברהם יוסף רובינשטיין הי"ו**

## גדולים מעשי צדיקים

ווער עס האט זיך אנגערוקט די ביטערע מלחמה האט זיך מיין טאטע הרב החסיד המפורסם ר' חיים הערש ז"ל אויסבאהאלטן אלס "טמיר ונעלם". ער איז געגאנגען נעמען ווארימע ברכות פון די צדיקי הדור ובתוכם הרה"ק ר' **שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע, און **הרה"ק מביקסאד** זי"ע, וועלכער האט אים אנגעזאגט צו לערנען כסדר מסכת סוכה אלעס א סגולה פאר 'טמיר ונעלם', ווי דער פסוק זאגט "כי יצפננו בסוכה ביום רעה יסתירנו בסתר אהלו".

כאטש ער האט פיל מיטגעמאכט מיט נידודים ותלאות ר"ל איז ער בחסדי ה' לעבן געבליבן און די רשעים האבן נישט מצליח געווען צו לייגן אויף אים א האנט.

ב. נאך די מלחמה איז ער אנגעקומען קיין שווייץ, ווי ער האט אין יענע תקופה געהאט די זכי' זיך מתחמם צו זיין לאורם פון די סגל חבורה די דריי צדיקים וועלכע האבן זיך דאן געפונען אין שווייץ, **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה, הרה"ק ר' **מנחם מענדל מסטראפקוב** זלה"ה, און הגאון רבי **יונתן שטייף** זלה"ה, אסאך זכרונות זענען אים פארבליבן אין יענע גורל'דיגע זמנים ווען די צדיקים האבן געהאלטן פאר זייער ווענדפונקט וואו אהין זיי זאלן זיך באזעצן און צוריק פונדאסניי מעמיד זיין הדת על תילה.

רבי יונתן זלה"ה האט דאן געגרינדעט א ישיבה פאר בחורים פליטי חרב אין באטענבערג שווייץ, מיין טאטע, נאך זייענדיג א בחור, איז - מיט זיין חשקות התורה וואס עס האט געברענט אין אים - תיכף אהינגעפארן לערנען, און דארט, האט אים ר' יונתן ז"ל אויסגעקליבן אים צו העלפן צו פירן די ישיבה. פון יענעם טאג האט זיך אנגעהויבן ארויסצוצייגן זיינע געבענטשטע כשרונות מרביץ תורה צו זיין פאר אידישע קינדער.

אין יענע טעג איז ער געגאנגען נעמען א ברכה פון **הרה"ק מסטראפקוב** ז"ל געהאלפן צו ווערן מיט א פאסיגער שידוך שוין זייענדיג אן עלטערער בחור, דער סטראפקובער רב האט אים א זאג געטון מיט א שמייכל "נו, געב אהער א חתן צוגארעטל"... ברכת צדיק עשתה רושם, און ביז א קורצע תקופה איז ער געקומען בברית האירוסין והנשואין למז"ט.

ג. מיין טאטע ז"ל פלעגט אסאך דערציילן פון די עניוות פון רבי יונתן, און זיין אראפגעלאזטקייט צו די בחורים. די בחורים זענען נעבעך געווען פליטי חרב, יתומים מאב ואם, וואס האבן אלעס פארלוירן, און זיך שווער געקענט מצמצם זיין צום לערנען.

ווען ער פלעגט זיי פארהערן, און זיי האבן נישט געקענט, פלעגט ער זאגן ליבליך "עטס זאגט זייער פיין, אבער דער פשט איז ניקס אזוי"...

ד. איינמאל איז מיין טאטע געשטאנען ביים סינק, און אנגעפולט א טעפל זיך צו וואשן די הענט, זעהנדיג ווי רבי יונתן שטייט נעבן אים, האט ער באלד איבערגעגעבן דאס טעפל וואסער אז רבי יונתן זאל זיך וואשן. רבי יונתן האט זיך טאקע געוואשן, אבער ער איז נישט אוועק געגאנגען בעפאר ער האט פריש אנגעפולט דעם טעפל און געגעבן פאר מיין טאטן.

ה. מיין טאטע פלעגט נאכזאגן פון א דרשה ווי רבי יונתן האט מעורר געווען מיט טרערן אז מ'דארף תשובה טוהן. נאכדעם האט ער געזאגט "**חלילה, כ'מיין נישט ענק, כ'מיין מיר, איך דארף תשובה טוהן**"...

ז' תרמז) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ח ר' שלום יצחק שעהר שליט"א** סופר סת"ם

## וצדיק יסוד העולם

מיין פעטער **הגה"צ רבי ישכר בעריש קאהן שליט"א ראה"כ סאטמאר אנטווערפן** דערציילט, אז אין חודש אלול תשכ"ז, איז געווען א גרויסער בלבול המוחות צווישן ערליכע אידן נאך די מלחמת 'ששת ימי אפילה', און מ'האט געקענט הערן אפילו צווישן ערליכע אידן דברי מינות ואפקורסות מיט התפעלות פון די הצלחה פון די רשעים. און **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** האט דעמאלטס בשארית כוחותיו געזאגט די פייערדיגע תורות, און געשריבן דעם ספה"ק על הגאולה ועל התמורה, כדי צו רייניגן די מוחות פון אידישע קינדער פון די ציוני'סטישע פראפעגאנדעס.

אין יענע תקופה האט **כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א** מכניס געווען בבריתו של אאע"ה בנו הרה"ג ר' אלטר שליט"א דאהי אין ניו יארק, און דער עלטער זיידע הרה"ק רבי איציקל זלה"ה איז געקומען צופארן פון אנטווערפן צום ברית, און ער האט דא געווילט א היבשע תקופה, ביז נאך די הייליגע טעג פון תשכ"ח.

איידער רבי איציקל איז ארויסגעפארן האט ער זיך אנגערופן צו עטליכע אידן אין ביהמ"ד "**איך פאר יעצט קיין אמעריקע, איך וועל זאגן פארן סאקמארער רב אז איך האלט אינגאנצן מיט אים**"...

כידוע אז ער פלעגט שטארק אנזאגן אז מ'זאל נישט גיין צום כותל המערבי, און יעדע ענין וואס דער רבי האט געזאגט זיין דעת תורה איז ביי אים געווען קודש קדשים.

ב. עס דערציילט **כ"ק אדמו"ר מספינקא אנטווערפן שליט"א**, אז ווען דער זיידע הרה"ק רבי איציקל איז געווען אין ארץ ישראל אויף שבועות תשט"ז להסתופף בצ"ק פון כ"ק **הרה"ק מהר"א מבעלזא זלה"ה**. זענען ארויפגעקומען צו אים עטליכע אידן, און זיי האבן זיך מתאונן געווען אויפן מצב הדור, און ווי די ציונים ווילן אויסרייסן אידישקייט פון כלל ישראל, האט רבי איציקל געזאגט "**נאך א מזל אז מיר האבן דעם סאקמארער רב, אזוי האלט זיך נאך דאס אידישקייט**".

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**